**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט כמעט 60 מיליאן דאלער געשאנקען צו שאפן נייע האוזינג אין 500 אקסעסערי דוועלינג יוניטס**

***סטעיט ADU פלוס איין פראגראם שטעלט צו געלטער דורכאויס די סטעיט פאר נייע סטרוקטורן, גאראדזש איבערמאכונגען, און בעיסמענט אפארטמענט לעגאליזאציע***

***ערשטע פאנדינג שענקונגען וועלן העלפן היים אייגנטומער אויף לאנג איילענד, אין וועסטשעסטער קאונטי, אלסטער קאונטי, און טאון און אמהערסט***

גאווערנאר האקול האט היינט געמאלדן אז 59 מיליאן דאלער איז געשאנקען געווארן צו לאקאלע רעגירונגען און נישט-פראפיט ארגאניזאציעס אין די ערשטע צוויי רונדעס פון די סטעיט'ס 85 מיליאן ADU פלוס איינס (ADU Plus One) פראגראם, וועלכע פארמערט האוזינג סופליי דורכן צושטעלן ריסאורסעס פאר נידריגע- און מיטלמעסיגע אינקאם היים אייגנטומער צו בויען אדער פארריכטן אן אקסעסערי דוועלינג אייניהייט אויף זייער פראפערטי. פאנדינג געשאנקען ביז היינט וועט ענדגילטיג פירן צום שאפונג פון אומגעפער 500 ADU'ס דורכאויס די סטעיט, און היים אייגנטומער אין לאנג איילענד, וועסטשעסטער קאונטי, אלסטער קאונטי און די טאון און אמהערסט וועלן אנהויבן בוי ארבעט אויף די ערשטע צוויי דאזען ADU'ס אונטער רונדע איינס פונעם פראגראם.

"דער מאנגל אין אפארדאבעל האוזינג געלעגנהייטן באווירקט יעדע קאמיוניטי דורכאויס די סטעיט," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די ADU פלוס איינס פראגראם שאפט מער אפארדאבעל האוזינג אפציעס פאר ניו יארקער בשעת'ן אויך העלפן פראפערטי אייגנטומערס. דורך צוזאמען ברענגען רעגירונג, מיוניסיפאליטיס, נאן-פראפיטס, און היים אייגנטומער, בויען מיר א שטארקערע און מער אפארדעבל צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די ADU פלוס איינס פראגראם, געגעבן דורך די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג, שטעלט צו ביז 2 מיליאן דאלער אין גרענטס צו מיוניסיפאליטיס און נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וואס זענען געטריי צו בויען אדער פארריכטן פארזיכערטע, הויכע-קוואליטעט אקסעסערי דוועלינג יוניטס. געלטער ווערן אויסגעטיילט פאר איינצלנע פאמיליע היים אייגנטומער וועלכע וואוינען יעצט אינעם פריימערי יוניט און וועלכע פארדינען נישט מער ווי 100 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם. היים אייגנטומער אינדרויסן פון ניו יאָרק סיטי קענען באקומען ביז $125,000 פער יוניט אין פארם פון א גרענט, בשעת היים אייגנטומער אין ניו יארק סיטי קענען באקומען ביז $175,000. מיוניסיפאליטיס און זייערע נאן-פראפיט פארטנערס ארבעטן דירעקט מיט היים אייגנטומער צו ארויסבויען די ADU'ס, אריינגערעכנט דורכן איבערמאכן גאראדזשעס אדער אנדערע אנסילערי סטרוקטורן, אויפבויען נייע דיטעטשד יוניטס, און זיך אונטערנעמען ארבעט-פארבינן מיט לעגאליזירונג פון בעיסמענט אפארטמענטס.

אין די ערשטע רונדע, האט HCR געשאנקען 22 מיליאן דאלער פאר פראגראם אדמיניסטראטארן וואס ארבעטן אינאיינעם מיט 17 מיוניסיפאליטיס צו צושטעלן גרענטס פאר אינדיווידועלע היים אייגנטומער פאר 200 ADU'ס. די 36.5 מיליאן צווייטע רונדע פון געלטער ברענגט דעם צאל מיוניסיפאליטיס וואס נעמען אנטייל אין דעם פראגראם צו 50 און וועט פירן צום שאפונג פון נאך 300 ADU'ס.

צען מיוניסיפאליטיס וואס באקומען געלטער אין די ערשטע רונדע האבן אויך באקומען אווארדס אין די צווייטע רונדע פון פאנדינג צוליב באדייטנדע אינטערעסע פון היים אייגנטומער אין די קאמיוניטיס. א פולשטענדיגע ליסטע פון אנטיילנעמנדע לאקאליטיס פאר ביידע רונדעס קען מען טרעפן אויף די HCR [וועבזייטל](#).

די ADU פלוס איינס פראגראם פארענדיגט די פיסקל יאר 2025 איינגעפירטע בודזשעט, וואס נעמט אריין א טראנספארמאטיווע האוזינג פעקל וואס גאווערנאר האקול האט פארזיכערט כדי צו פארמערן די סטעיט'ס האוזינג סופליי. דער פעקל נעמט אריין: א נייע 485-x שטייער אינסענטיוו צו שאפן נייע האוזינג אין ניו יארק סיטי; ארייגערעכנט אפארדאבעל רענטל האוזינג און היים אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן; א פארברייטערונג פון די פארענדיגונג דעדליין פאר פראיעקטן אין די יעצט-אפגעלאפענע 421-a אינסענטיוו פראגראם ביז 2031; אן אויטאריטעט צו ערלויבן לאקאליטיס צו אדאפטירן אינסענטיווס פאר סיי געמישטע-אינקאם און סיי 100 פראצענט אפארדאבעל האוזינג אינדרויסן פון ניו יאָרק סיטי, און צו שטיצן דעוועלאפמענט פון אקסעסערי דוועלינג יוניטס סטעיטווייד; א נייע אינסענטיוו צו מוטיגן אפארדאביליטי אין קאמערשיעל צו רעזידענשל איבערמאכונגען אין ניו יארק סיטי; אויטאריטעט צו אראפנעמען אלטע באגרעניצונגען אויף רעזידענשל געדיכטקייט אין ניו יאָרק סיטי צו דעליווערן מער האוזינג; א פילאט פראגראם צו לעגאליזירן עקזיסטירנדע בעיסמענט און סעלער אפארטמענטס אין געוויסע געגנטער פון ניו יאָרק סיטי; און דאס שאפן 500 מיליאן דאלער קאפיטאל פאנד צו בויען ביז 15,000 יוניטס פון האוזינג אויף סטעיט לאנד. אין צוגאב, טוט דער פראגראם פערענדיגט די גאווערנער'ס פינף יעריגע, 25 ביליאן דאלערדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען.

**HCR קאמישאנער רוטאן וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די 85 מיליאן דאלערדיגע ADU פלוס איינס פראגראם איז א מאדעל פאר קאמיוניטיס דורכאויס ניו יאָרק סטעיט אזוי ווי זיי ארבעטן צו אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס און פארמערן האוזינג סופליי. מיט כמעט 60 מיליאן דאלער געשאנקען ביז יעצט צו שאפן ADU'ס פון מערב ניו יארק ביז לאנג איילענד, טוט גאווערנאר האקול צושטעלן געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן, עלטערע מענטשן, און פאמיליעס צו וואוינען אין הויכע-קוואליטעט הייזער אין די קאמיוניטיס וואס זיי רופן אן היים, בשעת אין די זעלבע צייט מוטיגן היים אייגנטומער צו באקומען א פארלעסליכע קוואל פון רענטל אינקאם. מיר זענען גאר צופרידן אז 50 מיוניסיפאליטיס זענען שוין די ווערד פון די ערפינדעריש פראגראם אין זייערע קאמיוניטיס. ADU פלוס איינס פארשפרעכט צו זיין א געווינס פאר אלע."

**אלסטער קאונטי סיניאר פלאנירער קיי לארד-פארמער האט געזאגט**, "מיר זענען גליקליך צו שטיצן ADU'ס אלס אן אונטן-ארויף לעזונג צום האוזינג קריזיס דא אין אלסטער קאונטי. מיט די קאַונטי'ס האוזינג סמארט קאמיוניטיס איניציאטיוו, די סיטי און קינגסטאָן'ס נייע פארם-באזירטע קאוד, און אנדערע ADU-פריינטליכע האוזינג פאליסיס אין די קאַונטי אין גאנג, טוט די ADU פלוס איינס פראגראם צושטעלן א ריזיגע שטופ און באווייז פון קאנצעפט פאר ADU'ס אלס א לאקאלע האוזינג לעזונג. מיר באדאנקען דעם גאווערנאר פארן פאראויסשטופן דעם איניציאטיוו און זענען צופרידן צו זיין א טשאמפיאן פאר ADU'ס ביים לאקאלן שטאפל. ADU'ס זענען אן אויסגעצייכנטע געווינס פאר אלע האוזינג לעזונג, פארברייטערנדיג אונזער סופליי פון אפארדעבל און ארבעטסקראפט האוזינג בשעת'ן צושטעלן פאר

מעסיגע אינקאם הויזגעזונדער נאך א קוואל פון אינקאם אדער געלעגנהייט צו געבן האוזינג פאר א פאמיליע מיטגליד."

טאון אוו אמהערסט סופערווייזער ברייען קולפא האט געזאגט, "גאווערנאר קעיטי האקאל זאל אנערקענט ווערן פארן דערקענען דעם געברויך פאר שפעצישע פראגראמירונג צו ערמעגליכן ערפינדערישע האוזינג אפציעס פאר קאמיוניטיס אזוי ווי אמהערסט. די פלוס איינס אקסעסערי דוועלינג יוניט גרענט איז געווען אויסנאם בענעפיטירנד פארן טאון. נישט בלויז שטעלט עס צו וויכטיגע ריסאורסעס און שטיצע פארן איבערבויען אדער מאכן נייע ADU'ס, נאר עס האט אויך געעפנט לאקאלע געשפרעכן וועגן האוזינג סטילן. די איבערמאכונגען זענען קריטיש וויכטיג פארן אדרעסירן דעם קריזיס אפעקטיוו און פארזיכערן אז אמהערסט פארברייטערט האוזינג אפציעס און ווערט מער איינשליסנד און צוגענגליך פאר דיסעיבלד איינוואוינער און די וואס עלטערן זיך אויפן פלאץ וואו זיי זענען. "

**קאמיוניטי דעוועלאפמענט לאנג איילענד פרעזידענט און CEO גווען א'שיע האט געזאגט,** "אקסעסערי דוועלינג יוניטס שטעלן צו מערערע בענעפיטן פאר ראיאנען אזוי ווי לאנג איילענד מיט הויכע קאסטן און א מאנגל אין רענטל האוזינג: זיי שטעלן צו פינאנציעלע סטאביליטעט און בויגזאמקייט פאר היים אייגנטומער בשעת'ן שאפן אפארדעבל רענטל יוניטס, א געווינס פאר יעדן אין יעדן פראיעקט. מיר אפלאדירן גאווערנאר האקול פארן אינוועסטירן אין ריסאורסעס צו מאכן מער קאמפלייענט, פארזיכערטע און אפארדעבל ADU'ס. אזוי ווי עס צייגן די הונדערטער אפליקאציעס וואס מיר האבן שוין באקומען, ווילן היים אייגנטומער זען מער ADU'ס געבויט אין זייערע קאמיוניטיס, און מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע מיוניסיפל פארטנערשיפס פארן שאפן די האוזינג געלעגנהייטן."

HCR וועט ארויסגעבן א דריטע רונדע פון געלטער פארן פראגראם שפעטער דאס יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן